**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/10/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון גרויסארטיגער באנייבארע ענערגיע פראיעקט אין מעדיסאן קאונטי**

***ניו יארק סטעיט האט באשטעטיגט 28 גרויסארטיגע סאלאר און ווינט פראיעקטן זינט 2021***

***לעצטער פראיעקט פארשטערקערט לאקאלע עקאנאמיעס, פארבעסערט גריד פארלעסליכקייט און ברענגט ריינע ענערגיע צו א 23,000 היימער***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון ריינע ענערגיע לאקאציעס און עלעקטריציטעט אריבערפירונג ( Office of Renewable Energy Siting and Electric Transmission, ORES) האט ארויסגעגעבן אן ענדגילטיגע לאקאציע פערמיט פאר Cypress Creek Renewables צו אנטוויקלען און אופהאלטן Oxbow Hill Solar, אן אינסטאלאציע פון סאלאר פאנעלן מיט 140 מעגאַוואַטס (MW) אין די טאון אָוו פענער (Fenner) אין מעדיסאן קאונטי. דער פראיעקט וועט שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס, פארבעסערן די פארלעסליכקייט פון די גריד, אינוועסטירן אין קריטישע אינפראסטרוקטור און פארמערן שטייער איינקונפטן פאר לאקאלע שולעס און פאר אנדערע קאמיוניטי פריאריטעטן.

"מיר זענען דערפריידט ביז גאר צו אנאנסירן די לעצטע אינוועסטירונג אין סאלאר טעכנאלאגיע, זיך האלטנדיג צו אונזער פארפליכטונג צו פארבעסערן די פארלעסליכקייט פון די גריד און בויען א ריינע ענערגיע עקאנאמיע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פראיעקטן וואס מיר האבן באשטעטיגט אין לויף פון די לעצטע פאר יאר זאגן עדות איבער ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו שטאנדהאפטיגקייט און באפעסטיגונג."

די Oxbow Hill Solar איינריכטונג וועטביישטייערן 140 MW פון ריינע, באנייבארע ענערגיע וואס וועט אריינגיין אין ניו יארק'ס עלעקטריציטעט גריד – א מאס ענערגיע וואס וואלט פארדעם געפירט צו איבער 177,000 מעטריק טאן פון CO2 ווערנדיג ארויסגעלאזט – און דאס וועט צושטעלן עלעקטריציטעט פאר אומגעפער 23,000 דורכשניטליך-גרויסע היימער.

די נייע סאלאר איינריכטונג וועט באשטיין פון די סאלאר פאנעלן און פארבינדענע עקוויפמענט, צוזאמען מיט א סאָב-סטעישען צו פארבינדן די איינריכטונג מיט די גריד, צוימען, צוטריט שאסייען און אן אפעראציע און אויפהאלטונג געביידע. די איינריכטונג וועט פארבינדן ווערן צו די ניו יארקע עלעקטריציטעט גריד דורך די 115 kV עלעקטריציטעט דראטן וועלכע לויפן פון Fenner Wind ביז Whitman Road, אין אייגנטום און אפעראציע פון National Grid. Oxbow Hill ווערט אינסטאלירט אויף א שטח וואס געפונט זיך אינערהאלב די עקזיסטירנדע Fenner Wind Farm, מאכנדיג דאס די ערשטע ORES פערמיט פאר א סאלאר איינריכטונג צו וועקגעשטעלט ווערן אויף איין לאקאציע צוזאמען מיט א ווינט-ענערגיע איינריכטונג.

דער פראיעקט איז באשטעטיגט געווארן אין וויניגער פון די איין-יאריגע צייט אפשניט וואס איז פארלאנגט אונטער דעם געזעץ, און די פערמיט איז ארויסגעגעבן געווארן נאך א גרונטליכע, צייטליכע און אפענע איבערבליק פראצעדור וואס האט ארייגערעכנט תקופות און עפנטליכע באגעגענישן צו אויסהערן קאמענטארן פון די פובליקום.

**אפיס פון ריינע ענערגיע לאקאציעס און עלעקטריציטעט אריבערפירונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Zeryai Hagos (זעריעי האגאָס), האט געזאגט,** "אזוי ווי די סטעיט דערנענטערט זיך צו 4 גיגאַוואַטס פון ריינע, באנייבארע ענערגיע, א מאנומענטאלע דערגרייכונג, ווערן מיר ווייטער דערמאנט אז מיר האבן נאכאלץ ארבעט צו טוהן צו אדרעסירן ניו יארק'ס וואקסנדע ענערגיע געברויכן. ORES וועט פארזעצן צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע ריינע ענערגיע פאליסיס בשעת'ן זיך איינהערן צו די קאמיוניטי'ס קאמענטארן און היטן אויף די סביבה."

דער פראיעקט איז ערווארטעט צו שאפן א סך הכל פון 330 דזשאבס דורכאויס קאנסטרוקציע, און עס ברענגט די צאל ריינע ענערגיע פראיעקטן באשטעטיגט דורך ORES זינט 2021 – די יאר ווען די אפיס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו אונטערהיילן די פערמיט פראצעדור פאר אויפטרייבונג פון באנייבארע ענערגיע – צו 24. ניו יארק סטעיט האט באשטעטיגט 28 גרויסארטיגע סאלאר און ווינט פראיעקטן זינט 2021, ארייגערעכנענדיג 24 וועלכע האבן באקומען זייערע פערמיטס דורך ORES און פיר וואס זענען באשטעטיגט געווארן דורך די NYS לאקאציע פערמיטס באורד (NYS Siting Board) אונטער ארטיקל 10, דער געזעץ וואס פלעגט רעגולירן סאלאר און ווינט פראיעקטן העכער 25-MW בעפאר די ORES איז אויפגעשטעלט געווארן. די 28 באשטעטיגטע איינריכטונגען וועלן צוזאמען אויפטרייבן 3.9 גיגאַוואַטס פון נייע ריינע, באנייבארע ענערגיע.

די ORES'ס באשלוס פאר די איינריכטונגען פאלגט נאך א גרונטליכע און אפענע איבערבליק פראצעדור מיט די פולע באטייליגונג פון די פובליקום צו זיכער מאכן אז דער פארגעשלאגענער פראיעקט ערפילט אדער שטייגט איבער די פאדערונגען פון ארטיקל VIII פון דעם ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס געזעץ (Public Service Law) און די רעגולאציעס אונטער דעם געזעץ. די אפליקאציע פאר דעם Oxbow Hill Solar פראיעקט איז באשטימט געווארן צו זיין פארענדיגט אום נאוועמבער 18, 2024, און אן ערשטיגע ווערסיע פון די פערמיט איז ארויסגעגעבן געווארן דורך ORES אום יאנואר 14, 2025. דער סאלאר עלעקטריציטעט פראיעקט גיבט א באדייטפולע שטופ פאר ניו יארק'ס ריינע ענערגיע ציהלן, בשעת'ן אוועקשטעלן די סטעיט אלס א מוסטער פאר גלאטע, אפענע און גרונטליכע לאקאציע פערמיט פראצעדורן פון גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען.

די היינטיגע באשלוסן קענען געזעהן ווערן דורכן גיין צו די ORES וועבזייטל.

**אסעמבלי מיטגליד Al Stirpe (על סטירפ) האט געזאגט,** "דורכן פארשטערקערן ניו יארק'ס ענערגיע עקאנאמיע, טוהען מיר זיך אוועקשטעלן אויפן וועג נישט נאר צו ערפילן די וואקסנדע פארלאנג פאר עלעקטריציטעט נאר אויך דאס צו דורכפירן אויף א שטאנדהאפטיגע אופן. די סאלאר אינסטאלאציע אין מעדיסאן קאונטי ברענגט אונז איין טריט נאענטער צו דערגרייכן אונזערע קלימאט און ענערגיע ציהלן. יעדער גרויסארטיגער באנייבארע ענערגיע פראיעקט העלפט אהערשטעלן די קלימאט שריט אין וועלכע אונזער סטעיט נויטיגט זיך דרינגנד, בשעת'ן אויך שאפן הונדערטע לאקאלע דזשאבס און ארייינברענגען נייע פארדינסטן צו אויסגעגעבן ווערן אויף קאמיוניטי פריאריטעטן. אין א צייט ווען די פעדעראלע רעגירונג באדראעט די פארשריט אויף ריינע ענערגיע, בלייבט ניו יארק אנטשיידן צו אהערשטעלן באנייבארע און ווירקזאמע ענערגיע פאר יארן אריין אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאָרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן